הנ״ל: יע.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** וואָס טוסטו אין קאָנטרי?

הנ״ל: איך לערן אַביסל.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** וואָס לערנסטו?

הנ״ל: איך חזר די גמרא וואָס איך האָב געלערנט דעם זמן.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** דו לערנסט אַליין?

הנ״ל: יע.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** דו האָסט ניט קיין חבר דו זאָלסט מיט אים קאָנען לערנען?

הנ״ל: איך האב. נעבען מיר וואוינט ש.ב.ג. קען איך מיט אים לערנען.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** ער לערנט מיט דיר אין איין כתה אין ישיבה אויך?

הנ״ל: יע.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** דאַרפסטו מאַכען אַ שיעור לערנען מיט אים יעדען טאָג, וועט זיין אַ טובה פאַר דיר און אַ טובה פאַר אים.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** דו האָסט שוין געמאַכט עפעס אַ מסיבת שבת?

הנ״ל: דערווייליג ניט.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** פאַרוואָס?

הנ״ל: ווייל די שול וואו איך דאַוון איז דאָרט קיין קינדער ניטאָ.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** דו לייענסט אין דער שול?

הנ״ל: ניין.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** פאַרוואָס?

הנ״ל: ווייל דער בעל-קורא וויל אַליין לייענען.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** און צו מנחה לייענסטו אויך ניט?

הנ״ל: צו מנחה ליין איך יע אַ סאַך מאָל.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** איז דו זעעסט דאָרטן גאָר קיין קינדער ניט?

הנ״ל: איך זע יע, אַרום מיר וואוינען דאָרטן עטליכע קינדער.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** אויב אַזוי דאַרפסטו מאַכן אַ מסיבת שבת, און אויב ניט שבת איז מאָנטאָג, דינסטיק, און דו דאַרפסט זיי דערציילען מעשיות פון דער סדרה פון מדרש אָדער להבדיל פון די שמועסן און טאָקס. דו האָסט מסתמא אַ ׳בעק יאַרד׳.

הנ״ל: יע.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** ס׳איז דאָרטן מסתמא דאָ אַן עירוב אויך אַז מ׳זאָל דאָרטן מעגן טראָגן.

הנ״ל: יע, מ׳מעג אַרויסטראָגן דורך אַ פענסטער.

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** איך וועל ריידן מיט חודקוב אַז ער זאָל באַצאָלען פאַר די ״ריפרעשמענטס״. נו דער אויבערשטער זאָל געבן אריכות ימים ושנים טובות און דו זאָלסט האָבן הצלחה אין חסידות, און הצלחה אין נגלה, און די מאַמע זאָל האָבן פון דיר און דער טאַטער זעהר אַ חסידישן נחת צוזאַמען מיטן טאַטען.

הנ״ל: אמן, איך קען אפשר בעטן די רשימה פון פאַראַיאָרן?

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** בעטן קאָנסטו בעטן, נאָר געבן וועל איך דיר ניט געבן, ווייל איך האָב דאָס נאָך ניט אָנגעהויבן מאַכן איז וואָס טויג דיר בעטן אַסך.

הנ״ל: פאַראַיאָרן האָט מיר דער טאַטע געזאָגט אַז דער רבי האָט געזאָגט אַז איך זאָל וואַרטן מיט ר״ת׳ס תפילין, איז ווי לאַנג זאָל איך וואַרטען?

**כ״ק אדמו״ר שליט״א:** אי״ה איבער-אַ-יאָר וועלן מיר פון דעם ריידן ווען דו וועסט קאָנען חסידות, מ׳דאַרף נישט צומישן דעם